אינפארמאציע אין אידיש
Information på Jiddisch
2012-06-01



# האט איר א מיינונג איב דיבאהאנדלונג וואס איר באקומט?

NORRBOTTENS LÄNS LANDSTING

## דער פאציענט באורד

דער פאציענט באורד (patientnämnden) דארף פארבעסערן די פארבינדונג צווישן פאציענטן און די איינגעשטעלטע, און העלפן אינדיווידועלע פאציענטן. ווען איר רופט אונז, קענט איר רעדן צו אונדערע אויספארשער. דער באורד העלפט פאציענטן אין:

- קאונטי קאונסיל העלטהקעיר
- מוניציפאלע העלטהקעיר און באהאנדלונג אונטער דעם סאציאלע סערוויסעס געזעץ
- פריוואטע העלטהקעיר באהאנדלונג אונטער א קאנטראקט מיט דעם קאונטי קאונסיל אדער מוניציפאליטעט, אדער וואס ווערט געצאלט דורך די קאונטי קאונסיל
- באהאנדלונג פארזארגערס וועלכע רעכענען נאציאנאלע ראטעס
- דענטיסטריי וואס איז פינאנצירט דורך די קאונטי קאונסיל

די קאונטי קאונסיל און אירע מוניציפאליטעטן האבן א געמיינזאמע פאציענט באורד, וועלכע איז א זעלבסטשטענדיג, אומפארטייאישע קערפערשאפט וואס פאציענטן, קרובים און איינגעשטעלטע קענען זיך פארבינדן.

קען איך ווירקליך זעהן מיינע רעקארדס? קען איך פרעגן מיין דאקטאר איבער אנדערע עקזאמינאציע מעטאדן? וואס זאל איך טאהן אויב אכך בין אומצעפרידן מיט מיין מוטער'ס עלטער-קעיר? קען איך באקומען א רעפוירל צו יענע פאסיליטי פאר אסטמא ליידענדע אין די שווייץ? דארף מיין אלטער פאטער טאקע האבן א דייפער אלעמאל? וואס טוה איך ווען אן אפעראציע מיט וולכן איך בין נישט צופרידן? וואס פאסירט אויב איך טוה אנטזאגן באהאנדלונג?

דער בראשור דורך דעם פאציענט באורד זאגט אייך וואו איר קענט באקומען ענטפערס פאר אייער פראגעס, און שטעלט צו וויכטיגע אינפארמאציע וואס פאציענטן, קרובים און איינגעשטעלטע דארפן וואוסן.

## אייערע רעכטן אלס א פאציענט

- אייער באהאנדלונג דארף רעספעקטירן די אייניגקייט און מענטשליכע עהרע פון יעדן פערזאן
- איר דארפט באקומען פארשטענדליכע אינפארמאציע איבער אייער געזונטהייט
- איר דארפט באקומען פארשטענדליכע אינפארמאציע איבער עקזאמיניאציעס און פארגעשלאגענע באהאנדלונג
- איר דארפט באקומען אינפארמאציע איבער אנדערע עקזאמינאציע מעטאדן, פרייהייט זיך אויסוועהלן, און די העלטהקעיר גאראנטי
- איר קענט אנטייל נעמען, ווען מעגליך, אין פלאנירן און דורכפירן אייער באהאנדלונג, און די פארשידענע איינהייטן דארפן נוצליך ארבייטן אינאיינעם פאר אייך
- איר קענט זעהן אייערע רעקארדס, וועלכע דארפן זיין קלאר און פארשטענדליך
- איר האט די רעכט צו אנטזאגן באהאנדלונג. אייער געזונט איז אייער פאראנטווארטליכקייט

אויב איר באשליסט צו אנטזאגן אדער אפשטעלן באהאנדלונג נאכדעם וואס אייער דאקטאר האט אייך פרובירט איבער צו צייגן און ערקלערט די קאנסעקווענצן, דאן איז דער העלטהקעיר סיסטעם מער נישט פאראנטווארטליך.

## רעכטן זענען באגרעניצט

איר באשליסט איבער אייער קערפער און אייער באהאנדלונג, אבער עס איז פאראן א גרעניץ. איר קענט נישט פארלאנגען אן עקזאמינאציע אדער באהאנדלונג וואס אייערע דאקטוירים האלטן אז איר דארפט נישט, אדער אז עס איז קעגן וואוסענשאפט אדער אויספרובירטע ערפארונג. דאס איז אויך גילטיג איבער רעפוירל"ס פאר ספעציאליסט באהאנדלונג. דא נעמט איבער דעם דאקטאר'ס פראפעסיאנאלע ערפארונג.

אייערע פאדערונגען מוזן אויך שטימען מיט די מעגליכקייטן פון דעם מעדעצינישן און דענטיסטישן קעיר סיסטעם. איר האט נישט די אבסאלוטע רעכט צו א רעפוירל אדער צו א באהנדלונג אין א שפיטאל אינדערויסן פון לאנד.

## פראבלעמען דארפן ענדערש געלייזט ווערן דורך די באטרעפענדע מענטשן

אויב איר זענט נישט צעפרידן מיט די באהאנדלונג וואס איר האט באקומען, אדער אנדערע אקטן פון די באהאנדלונג פארזארגער, זאלט איר צום ערשט פרובירן זיך צו פארבינדן מיט די באטרעפענדע איינגעשטעלטע.

אויב אינאיינעם קענט איר נישט לייזן דאס וואס שטעלט אייך אומצעפרידן, דאן פארבינדט זיך מיט דעם סופערווייזאר פון די פאסיליטי אדער איינהייט.

אויב איר זענט נאך אלץ נישט צעפרידן, פארבינדט זיך מיט אונז ביים פאציענט באורד אומזיסט. איר וועט טרעפן אונזער אדרעס און טעלעפאן נומערן *ביי די ענדע*. דאס בעסטע איז איר זאלט אפשרייבן אייערע געדאנקן. אייער מיינונג קען העלפן אויך פאר אנדערע פאציענטן.

# וויאזוי מיר ארבייטן

די הויפט פונקציע פון דעם פאציענט באורד איז צו פארבעסערן די פארבינדונגען צווישן פאציענטן און די איינגעשטעלטע.

- מיר שטעלן צו אינפארמאציע און ענטפערן פראגעס פון דעם פובליקום און די איינגעשטעלטע
- מיר שטעלן צו פארבינדונגען און מיר ווייזן אייך דעם וועג
- מיר נעמען צוזאם פאציענט מיינונגען און פארשלאגן און טוען דאס קאמוניקירן צום העלטהקעיר סיסטעם
- דער פאציענט באורד באשטימט אויך הילף מענטשן פאר ארעסטאנען וואס ווערן באהאנדלט

ראהטונגען און געהיימעניס
דער פאציענט באורד מאכט נישט קיין מעדעצינישע אפשאצונגען און קען נישט אננעמען קיין דיסציפלין שריט, נאר עס פונקציאנירט אלס א פארבינדונג צווישן פאציענטן און דעם העלטהקעיר סיסטעם. פאבליק באאמטע און רעגירונגס אפיצירן אויפן פאציענט באורד מוזן אבזערווירן געהיימעניס.

# אויב איר

## ... זענט געשעדיגט געווארן אלס רעזולטאט פון א באהאנדלונג

אויב איר פילט אז איר זענט געשעדיגט געווארן אלס רעזולטאט פון א באהאנדלונג, קענט איר מאכן א קלאגע אין פארלויף פון דריי יאר פון די שעדיגונג (צומאל לענגער) צום פאציענט אינשורענס סיסטעם, וועלכע וועט באשטימען אויב איר זענט בארעכטיגט צו אנטשעדיגונג. איר וועט טרעפן זייערע אדרעסן און טעלעפאן נומערן *ביי די ענדע*. איר קענט באקומען מער אינפארמאציע און א קלאגע פארם אין די אפטיילונג, אדער דענטאל קליניק, אדער פון דעם שפיטאל סאציאל ארבייטער, מוניציפאליטעט הויפט נוירס אדער די פאציענט באורד.

# ... זענט אומצעפרידן אדער פילט אז עמיצער האט געמאכט א טעות

אויב איר פילט אז אן ארבייטער האט געמאכט א טעות, אדער אז איר האט נישט באקומען די געהעריגע באהאנדלונג, אדער איר זענט בכלל אומצעפרידן מיטן וועג וויאזוי דער העלטהקעיר סיסטעם, א שפיטאל, פריימערי קעיר סענטער, דענטאל קליניק, נוירסינג האום אדער סאציאלע סערוויסעס האט געארבייט, קענט איר איינגעבן א קלאגע צו די נאציאנאלע באורד פון געזונטהייט און וואוילזיין (Socialstyrelsen). איר וועט טרעפן זייערע אדרעסן און טעלעפאן נומערן *ביי די ענדע*. איר קענט באקומען מער אינפארמאציע פון דעם פאציענט באורד.

פאציענט אינשורענס סיסטעם

אדרעס:
Landstingets Ömsesidiga Försäkringsbolag
Box 178 30
118 94 Stockholm
טעלעפאן: 08-551 010 00
www.patientforsakring.se

נאציאנאלע באורד פון געזונטהייט און וואוילזיין   אדרעס:

Enskildas klagomål
106 30 Stockholm
טעלעפאן: 075-247 30 00
www.socialstyrelsen.se/klagapavarden

Patientnämnden
Address:
Patientnämnden, Landstingshuset
971 89 Luleå
טעלעפאן: 020 - 59 90 00
(אומזיסטע קאלל)

www.nll.se/patientnamnden